מח אוֹ בְבֶגֶד פִּשְׁתִּים: אוֹ בִשְׁתִי אוֹ בְעֵרֶב לַפִּשְׁתִּים וְלַצָּמֶר
מט אוֹ בְעוֹר אוֹ בְּכָל־מְלֶאכֶת עוֹר: וְהָיָה הַנֶּגַע יְרַקְרַק | אוֹ
אֲדַמְדָּם בַּבֶּגֶד אוֹ בָעוֹר אוֹ־בַשְּׁתִי אוֹ־בָעֵרֶב אוֹ בְכָל־כְּלִי־
נ עוֹר נֶגַע צָרַעַת הוּא וְהָרְאָה אֶת־הַכֹּהֵן: וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת־
נא הַנָּגַע וְהִסְגִּיר אֶת־הַנֶּגַע שִׁבְעַת יָמִים: וְרָאָה אֶת־הַנֶּגַע
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כִּי־פָשָׂה הַנֶּגַע בַּבֶּגֶד אוֹ־בַשְּׁתִי אוֹ־בָעֵרֶב
אוֹ בָעוֹר לְכֹל אֲשֶׁר־יֵעָשֶׂה הָעוֹר לִמְלָאכָה צָרַעַת מַמְאֶרֶת
נב הַנֶּגַע טָמֵא הוּא: וְשָׂרַף אֶת־הַבֶּגֶד אוֹ אֶת־הַשְּׁתִי | אוֹ אֶת־
הָעֵרֶב בַּצֶּמֶר אוֹ בַפִּשְׁתִּים אוֹ אֶת־כָּל־כְּלִי הָעוֹר אֲשֶׁר־
נג יִהְיֶה בוֹ הַנָּגַע כִּי־צָרַעַת מַמְאֶרֶת הִוא בָּאֵשׁ תִּשָּׂרֵף: וְאִם
יִרְאֶה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה לֹא־פָשָׂה הַנֶּגַע בַּבֶּגֶד אוֹ בַשְּׁתִי אוֹ
נד בָעֵרֶב אוֹ בְּכָל־כְּלִי־עוֹר: וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְכִבְּסוּ אֵת אֲשֶׁר־
שב' (רב') בּוֹ הַנָּגַע וְהִסְגִּירוֹ שִׁבְעַת־יָמִים שֵׁנִית: וְרָאָה הַכֹּהֵן אַחֲרֵי |
הֻכַּבֵּס אֶת־הַנֶּגַע וְהִנֵּה לֹא־הָפַךְ הַנֶּגַע אֶת־עֵינוֹ וְהַנֶּגַע לֹא־
פָשָׂה טָמֵא הוּא בָּאֵשׁ תִּשְׂרְפֶנּוּ פְּחֶתֶת הִוא בְּקָרַחְתּוֹ אוֹ
נו בְגַבַּחְתּוֹ: וְאִם רָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה כֵּהָה הַנֶּגַע אַחֲרֵי הֻכַּבֵּס
אֹתוֹ וְקָרַע אֹתוֹ מִן־הַבֶּגֶד אוֹ מִן־הָעוֹר אוֹ מִן־הַשְּׁתִי אוֹ
מפ' מִן־הָעֵרֶב: וְאִם־תֵּרָאֶה עוֹד בַּבֶּגֶד אוֹ־בַשְּׁתִי אוֹ־בָעֵרֶב
אוֹ בְכָל־כְּלִי־עוֹר פֹּרַחַת הִוא בָּאֵשׁ תִּשְׂרְפֶנּוּ אֵת אֲשֶׁר־
נח בּוֹ הַנָּגַע: וְהַבֶּגֶד אוֹ־הַשְּׁתִי אוֹ־הָעֵרֶב אוֹ־כָל־כְּלִי הָעוֹר
נט אֲשֶׁר תְּכַבֵּס וְסָר מֵהֶם הַנָּגַע וְכֻבַּס שֵׁנִית וְטָהֵר: זֹאת
תּוֹרַת נֶגַע־צָרַעַת בֶּגֶד הַצֶּמֶר | אוֹ הַפִּשְׁתִּים אוֹ הַשְּׁתִי אוֹ
הָעֵרֶב אוֹ כָּל־כְּלִי־עוֹר לְטַהֲרוֹ אוֹ לְטַמְּאוֹ: פ

בגד, 48 אָדער אין גרונטוועב, אָדער אין דורכוואַרף, פון פלאַקס, צי פון וואָל, אָדער אין אַ פעל, אָדער אין וואָסער עס איז אַרבעט פון פעל; 49 און דער אויסשלאָג וועט זיין גרינלעך אָדער רויטלעך אין דעם בגד, אָדער אין דעם פעל, אָדער אין דעם גרונטוועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל, איז דאָס די פלאָג פון צרעת, און עס זאָל באַוויזן ווערן צום כהן. 50 און אַז דער כהן וועט באַקוקן דעם אויס־שלאָג, זאָל ער אַיינשליסן דאָס וואָס האָט דעם אויסשלאָג, אויף זיבן טעג. 51 און אַז ער וועט זען דעם אויסשלאָג אויפן זיבעטן טאָג, אַז דער אויסשלאָג האָט זיך פאַר־שפרייט אין דעם בגד, אָדער אין דעם גרונטוועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין דעם פעל—וואָס נאָר פאַר אַן אַרבעט עס איז געמאַכט פון פעל—איז דער אויס־שלאָג אַן עסיקע צרעת; אומריין איז ער. 52 און מע זאָל פאַרברענען דעם בגד, אָדער דעם גרונטוועב, אָדער דעם דורכוואַרף, פון וואָל צי פון פלאַקס, אָדער וואָס נאָר פאַר אַ זאַך פון פעל וואָס דער אויסשלאָג וועט זיין דערין; וואָרום אַן עסיקע צרעת איז דאָס; אין פייער מוז עס פאַרברענט ווערן. 53 אויב אָבער דער כהן וועט זען, ערשט דער אויסשלאָג האָט זיך ניט פאַרשפרייט אין דעם בגד, אָדער אין דעם גרונטוועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל, 54 זאָל דער כהן הייסן מע זאָל וואַשן דאָס וואָס דער אויס־שלאָג איז דערין, און ער זאָל עס אַיינשליסן אַ צווייט מאָל אויף זיבן טעג. 55 און אַז דער כהן וועט זען, נאָכדעם ווי מע האָט געוואַשן דעם אויסשלאָג, ערשט דער אויסשלאָג האָט ניט געביטן זיין אָנבליק, הגם דער אויסשלאָג האָט זיך ניט פאַרשפרייט, איז דאָס אומריין; אין פייער זאָלסטו עס פאַרברענען. אַן אויסעסונג איז דאָס, סיי דאָס איז אויף דער לינקער זייט, סיי אויף דער רעכטער. 56 און אויב דער כהן וועט זען, ערשט דער אויסשלאָג איז געוואָרן מאַט נאָכדעם ווי מע האָט אים געוואַשן, זאָל ער אים אַראָפרייסן פון דעם בגד, אָדער פון דעם פעל, אָדער פון דעם גרונטוועב, אָדער פון דעם דורכוואַרף. 57 און אויב ער וועט זיך ווידער באַווייזן אין דעם בגד, אָדער אין דעם גרונט־וועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל—ברעכט דאָס אויס; זאָלסטו אין פייער פאַרברענען דאָס וואָס דער אויסשלאָג איז דערין. 58 און דער בגד, אָדער דער גרונטוועב, אָדער דער דורכוואַרף, אָדער וואָסער עס איז זאַך פון פעל, וואָס דו וועסט וואַשן און דער אויסשלאָג וועט זיך אָפּטאָן דערפון, זאָל געוואַשן ווערן אַ צווייט מאָל, און זיין ריין.

59 דאָס איז דער דין פון דער פלאָג פון צרעת אין אַ בגד פון וואָל אָדער פלאַקס, אָדער אין גרונטוועב, אָדער אין דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל, דאָס צו מאַכן פאַר ריין, אָדער דאָס צו מאַכן פאַר אומריין.

## מְצוֹרָע

יד

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע
ב בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן: וְיָצָא הַכֹּהֵן אֶל־מִחוּץ
ג לַמַּחֲנֶה וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע־הַצָּרַעַת מִן־הַצָּרוּעַ:

יד 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 דאָס זאָל זיין דער דין פון מצורע אין טאָג פון זיין רייניקונג: ער זאָל געבראַכט ווערן צום כהן. 3 און דער כהן זאָל אַרויסגיין אויסן לאַגער, און אַז דער כהן וועט זען, ערשט די פלאָג פון צרעת איז פאַרהיילט אויפן מצורע,

יג, מט' קמץ ברביע

[4] זאָל דער כּהן הייסן מע זאָל נעמען פֿאַר דעם וואָס רייניקט זיך צוויי לעבעדיקע ריינע פֿויגלען, און צעדער־האָלץ, און ווערמילרויט, און אֵזוב־גראָז. [5] און דער כּהן זאָל הייסן מע זאָל שעכטן איין פֿויגל אין אַ ליימענער כּלי איבער לעבעדיקע וואַסער. [6] דעם לעבעדיקן פֿויגל, אים זאָל ער נעמען, און דאָס צעדערהאָלץ, און דאָס ווערמילרויט, און דאָס אֵזוב־גראָז, און אײַנטונקען זיי און דעם לעבעדיקן פֿויגל אין דעם בלוט פֿון דעם פֿויגל וואָס איז געשאָכטן געוואָרן איבערן לעבעדיקן וואַסער. [7] און ער זאָל שפּריצן אויף דעם וואָס רייניקט זיך פֿון דער צרעת, זיבן מאָל, און אים מאַכן ריין; און ער זאָל אַוועקלאָזן דעם לעבעדיקן פֿויגל אויפֿן פֿרייען פֿעלד. [8] און דער וואָס רייניקט זיך, זאָל וואַשן זײַנע קליידער, און אָפּגאָלן זײַנע גאַנצע האָר, און זיך באָדן אין וואַסער, און ווערן ריין; און דערנאָך מעג ער אַרײַנקומען אין לאַגער, אָבער ער זאָל זיצן דרויסן פֿון זײַן געצעלט זיבן טעג. [9] און עס זאָל זײַן אויפֿן זיבעטן טאָג, זאָל ער אָפּגאָלן זײַנע גאַנצע האָר, זײַן קאָפּ, און זײַן באָרד, און די ברעמען פֿון זײַנע אויגן—זײַנע גאַנצע האָר זאָל ער אָפּגאָלן; און ער זאָל וואַשן זײַנע קליידער, און באָדן זײַן לײַב אין וואַסער, און זײַן ריין. [10] און אויפֿן אַכטן טאָג זאָל ער נעמען צוויי שעפּסן אָן אַ פֿעלער, און איין שאָף אַ יאָריקע אָן אַ פֿעלער, און דרײַ צענטל זעמלמעל פֿאַר אַ שפּײַזאָפּפֿער, פֿאַרמישט מיט אייל, און איין לוג אייל. [11] און דער כּהן וואָס רייניקט, זאָל אַוועקשטעלן דעם מאַן וואָס רייניקט זיך, און זיי, פֿאַר גאָט, בײַם אײַנגאַנג פֿון אוהל־מועד. [12] און דער כּהן זאָל נעמען איין שעפּס און אים ברענגען פֿאַר אַ שולדאָפּפֿער מיט דעם לוג אייל, און ער זאָל זיי אויפֿהייבן אַן אויפֿהייבונג פֿאַר גאָט. [13] און ער זאָל שעכטן דעם שעפּס אין דעם אָרט וווּ מע שעכט דאָס זינדאָפּפֿער און דאָס בראַנדאָפּפֿער, אין אַ הייליקן אָרט; וואָרום אַזוי ווי דאָס זינדאָפּפֿער איז דאָס שולדאָפּפֿער פֿאַרן כּהן; אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס. [14] און דער כּהן זאָל נעמען פֿון דעם בלוט פֿון שולדאָפּפֿער, און דער כּהן זאָל אַרויפֿטאָן אויפֿן רעכטן אויערלעפּל פֿון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפֿן דוימען פֿון זײַן רעכטער האַנט, און אויפֿן דוימען פֿון זײַן רעכטן פֿוס. [15] און דער כּהן זאָל נעמען פֿון דעם לוג אייל, און אַרויפֿגיסן אויף דער לינקער האַנטפּלעך פֿון כּהן. [16] און דער כּהן זאָל אײַנטונקען זײַן רעכטן פֿינגער אין דעם אייל וואָס אויף זײַן לינקער האַנטפּלעך, און שפּריצן פֿון דעם אייל מיט זײַן פֿינגער זיבן מאָל פֿאַר גאָט. [17] און פֿון דעם רעשט אייל וואָס אויף זײַן האַנטפּלעך זאָל דער כּהן אַרויפֿטאָן אויפֿן רעכטן אויער־לעפּל פֿון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפֿן דוימען פֿון זײַן רעכטער האַנט, און אויפֿן דוימען פֿון זײַן רעכטן פֿוס, איבערן בלוט פֿון שולדאָפּפֿער. [18] און וואָס בלײַבט איבער פֿון דעם אייל וואָס אויף דעם כּהנס האַנטפּלעך, זאָל ער אַרויפֿטאָן

ד וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְלָקַח לַמִּטַּהֵר שְׁתֵּי־צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהֹרוֹת
ה וְעֵץ אֶרֶז וּשְׁנִי תוֹלַעַת וְאֵזֹב׃ וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְשָׁחַט אֶת־
ו הַצִּפּוֹר הָאֶחָת אֶל־כְּלִי־חֶרֶשׂ עַל־מַיִם חַיִּים׃ אֶת־הַצִּפֹּר
הַחַיָּה יִקַּח אֹתָהּ וְאֶת־עֵץ הָאֶרֶז וְאֶת־שְׁנִי הַתּוֹלַעַת וְאֶת־
הָאֵזֹב וְטָבַל אוֹתָם וְאֵת ׀ הַצִּפֹּר הַחַיָּה בְּדַם הַצִּפֹּר הַשְּׁחֻטָה
ז עַל הַמַּיִם הַחַיִּים׃ וְהִזָּה עַל הַמִּטַּהֵר מִן־הַצָּרַעַת שֶׁבַע
פְּעָמִים וְטִהֲרוֹ וְשִׁלַּח אֶת־הַצִּפֹּר הַחַיָּה עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה׃
ח וְכִבֶּס הַמִּטַּהֵר אֶת־בְּגָדָיו וְגִלַּח אֶת־כָּל־שְׂעָרוֹ וְרָחַץ בַּמַּיִם
וְטָהֵר וְאַחַר יָבוֹא אֶל־הַמַּחֲנֶה וְיָשַׁב מִחוּץ לְאָהֳלוֹ שִׁבְעַת
ט יָמִים׃ וְהָיָה בַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יְגַלַּח אֶת־כָּל־שְׂעָרוֹ אֶת־רֹאשׁוֹ
וְאֶת־זְקָנוֹ וְאֵת גַּבֹּת עֵינָיו וְאֶת־כָּל־שְׂעָרוֹ יְגַלֵּחַ וְכִבֶּס אֶת־
י בְּגָדָיו וְרָחַץ אֶת־בְּשָׂרוֹ בַּמַּיִם וְטָהֵר׃ וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִקַּח
שְׁנֵי־כְבָשִׂים תְּמִימִם וְכַבְשָׂה אַחַת בַּת־שְׁנָתָהּ תְּמִימָה
וּשְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת מִנְחָה בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן וְלֹג אֶחָד
יא שָׁמֶן׃ וְהֶעֱמִיד הַכֹּהֵן הַמְטַהֵר אֵת הָאִישׁ הַמִּטַּהֵר וְאֹתָם
יב לִפְנֵי יְהוָה פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן אֶת־הַכֶּבֶשׂ
הָאֶחָד וְהִקְרִיב אֹתוֹ לְאָשָׁם וְאֶת־לֹג הַשָּׁמֶן וְהֵנִיף אֹתָם
שני תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה׃ וְשָׁחַט אֶת־הַכֶּבֶשׂ בִּמְקוֹם אֲשֶׁר
יִשְׁחַט אֶת־הַחַטָּאת וְאֶת־הָעֹלָה בִּמְקוֹם הַקֹּדֶשׁ כִּי כַּחַטָּאת
יד הָאָשָׁם הוּא לַכֹּהֵן קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן מִדַּם
הָאָשָׁם וְנָתַן הַכֹּהֵן עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן הַמִּטַּהֵר הַיְמָנִית וְעַל־
טו בֹּהֶן יָדוֹ הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן רַגְלוֹ הַיְמָנִית׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן
טז מִלֹּג הַשָּׁמֶן וְיָצַק עַל־כַּף הַכֹּהֵן הַשְּׂמָאלִית׃ וְטָבַל הַכֹּהֵן
אֶת־אֶצְבָּעוֹ הַיְמָנִית מִן־הַשֶּׁמֶן אֲשֶׁר עַל־כַּפּוֹ הַשְּׂמָאלִית
יז וְהִזָּה מִן־הַשֶּׁמֶן בְּאֶצְבָּעוֹ שֶׁבַע פְּעָמִים לִפְנֵי יְהוָה׃ וּמִיֶּתֶר
הַשֶּׁמֶן אֲשֶׁר עַל־כַּפּוֹ יִתֵּן הַכֹּהֵן עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן הַמִּטַּהֵר
הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן יָדוֹ הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן רַגְלוֹ הַיְמָנִית עַל
יח דַּם הָאָשָׁם׃ וְהַנּוֹתָר בַּשֶּׁמֶן אֲשֶׁר עַל־כַּף הַכֹּהֵן יִתֵּן עַל־

ראש המטהר וכפר עליו הכהן לפני יהוה׃ ועשה הכהן יט
את־החטאת וכפר על־המטהר מטמאתו ואחר ישחט
את־העלה׃ והעלה הכהן את־העלה ואת־המנחה המזבחה כ
וכפר עליו הכהן וטהר׃ ס ואם־דל הוא ואין ידו כא שלי׳ (חמ״)
משגת ולקח כבש אחד אשם לתנופה לכפר עליו ועשרון
סלת אחד בלול בשמן למנחה ולג שמן׃ ושתי תרים כב
או שני בני יונה אשר תשיג ידו והיה אחד חטאת והאחד
עלה׃ והביא אתם ביום השמיני לטהרתו אל־הכהן כג
אל־פתח אהל־מועד לפני יהוה׃ ולקח הכהן את־כבש כד
האשם ואת־לג השמן והניף אתם הכהן תנופה לפני
יהוה׃ ושחט את־כבש האשם ולקח הכהן מדם האשם כה
ונתן על־תנוך אזן־המטהר הימנית ועל־בהן ידו הימנית
ועל־בהן רגלו הימנית׃ ומן־השמן יצק הכהן על־כף כו
הכהן השמאלית׃ והזה הכהן באצבעו הימנית מן־השמן כז
אשר על־כפו השמאלית שבע פעמים לפני יהוה׃ ונתן כח
הכהן מן־השמן ׀ אשר על־כפו על־תנוך אזן המטהר
הימנית ועל־בהן ידו הימנית ועל־בהן רגלו הימנית על־
מקום דם האשם׃ והנותר מן־השמן אשר על־כף הכהן כט
יתן על־ראש המטהר לכפר עליו לפני יהוה׃ ועשה ל
את־האחד מן־התרים או מן־בני היונה מאשר תשיג ידו׃
את אשר־תשיג ידו את־האחד חטאת ואת־האחד עלה לא
על־המנחה וכפר הכהן על המטהר לפני יהוה׃ זאת תורת לב
אשר־בו נגע צרעת אשר לא־תשיג ידו בטהרתו׃ פ
וידבר יהוה אל־משה ואל־אהרן לאמר׃ כי תבאו אל־ לג לד רב׳ (שש״)
ארץ כנען אשר אני נתן לכם לאחזה ונתתי נגע צרעת
בבית ארץ אחזתכם׃ ובא אשר־לו הבית והגיד לכהן לה
לאמר כנגע נראה לי בבית׃ וצוה הכהן ופנו את־הבית לו
בטרם יבא הכהן לראות את־הנגע ולא יטמא כל־אשר

אויפן קאָפּ פון דעם וואָס רייניקט זיך; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים פאַר גאָט. [19] און דער כּהן זאָל מאַכן דאָס זינדאָפּפער, און מכפּר זיין אויף דעם וואָס רייניקט זיך פון זיין אומריינקייט; און דערנאָך זאָל ער שעכטן דאָס בראַנדאָפּפער. [20] און דער כּהן זאָל אויפברענגען דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס שפּייזאָפּפער אויפן מזבח; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים, און ער וועט זיין ריין.

[21] און אויב ער איז אָרים, און זיין האַנט פאַרמאָגט ניט, זאָל ער נעמען איין שעפּס, אַ שולדאָפּפער, פאַר אַן אויפהייבונג, מכפּר צו זיין אויף אים, און איין צענטל זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער, און אַ לוג אייל; [22] און צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, לויט ווי זיין האַנט פאַרמאָגט; און איינע זאָל זיין אַ זינדאָפּפער, און איינע אַ בראַנדאָפּפער. [23] און ער זאָל זיי ברענגען אויפן אַכטן טאָג פון זיין רייניקונג צום כּהן, צום איינגאַנג פון אוהל־מועד, פאַר גאָט. [24] און דער כּהן זאָל נעמען דעם שעפּס פון שולדאָפּפער, און דעם לוג אייל, און דער כּהן זאָל זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט. [25] און ער זאָל שעכטן דעם שעפּס פון שולדאָפּפער; און דער כּהן זאָל נעמען פון דעם בלוט פון שולדאָפּפער, און אַרויפטאָן אויפן רעכטן אויערלעפּל פון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפן דוימען פון זיין רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זיין רעכטן פוס. [26] און פון דעם אייל זאָל דער כּהן אַרויפגיסן אויף דער לינקער האַנטפלעך פון כּהן. [27] און דער כּהן זאָל שפּריצן מיט זיין רעכטן פינגער פון דעם אייל וואָס אויף זיין לינקער האַנטפלעך, זיבן מאָל פאַר גאָט. [28] און דער כּהן זאָל אַרויפטאָן פון דעם אייל וואָס אויף זיין האַנטפלעך אויפן רעכטן אויערלעפּל פון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפן דוימען פון זיין רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זיין רעכטן פוס, אין דעם אָרט פון דעם בלוט פון שולדאָפּפער. [29] און וואָס בלייבט איבער פון דעם אייל וואָס אויף דעם כּהנס האַנטפלעך, זאָל ער אַרויפטאָן אויפן קאָפּ פון דעם וואָס רייניקט זיך, מכפּר צו זיין אויף אים פאַר גאָט. [30] און ער זאָל מאַכן איינע פון די טורטלטויבן, אָדער פון די יונגע טויבן—פון וואָס זיין האַנט פאַרמאָגט; [31] אַזוי ווי זיין האַנט פאַרמאָגט—איינע פאַר אַ זינדאָפּפער, און איינע פאַר אַ בראַנדאָפּפער, מיט דעם שפּייזאָפּפער; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף דעם וואָס רייניקט זיך פאַר גאָט.

[32] דאָס איז דער דין פון דעם וואָס אויף אים איז די פּלאָג פון צרעת, וואָס זיין האַנט פאַרמאָגט ניט ביי זיין רייניקונג.

[33] און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן:

[34] אַז איר וועט קומען אין לאַנד כּנען וואָס איך גיב אייך צום אייגנטום, און איך וועל ברענגען אַ פּלאָג פון צרעת אין אַ הויז פון דעם לאַנד פון אייער אייגנטום, [35] זאָל קומען דער וואָס דאָס הויז געהערט צו אים, און ער זאָל דערציילן דעם כּהן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי אַן אויסשלאַג ווייזט מיר אויס אין הויז. [36] און דער כּהן זאָל הייסן מע זאָל אויסראַמען דאָס הויז איידער דער כּהן וועט קומען באַקוקן דעם אויסשלאַג, כּדי אַלץ וואָס אין הויז זאָל ניט ווערן אומריין;

און דערנאָך זאָל דער כּהן קומען באַקוקן דאָס הויז. 37 און אַז ער וועט באַקוקן דעם אויסשלאַג, ערשט דער אויסשלאַג אויף די ווענט פון הויז איז גרינלעכע און רויטלעכע גריבלעך, און זייער אויסזען איז נידעריקער פון דער וואַנט, 38 זאָל דער כּהן אַרויסגיין פון הויז אין אײַנגאַנג פון הויז, און פאַרשליסן דאָס הויז אויף זיבן טעג. 39 און דער כּהן זאָל צוריקקומען אויפן זיבעטן טאָג, און אַז ער וועט זען, ערשט דער אויסשלאַג האָט זיך פאַרשפּרייט אויף די ווענט פון הויז, 40 זאָל דער כּהן הייסן מע זאָל אַרויסנעמען די שטיינער וואָס אויף זיי איז דער אויסשלאַג, און מע זאָל זיי אַוועקוואַרפן אויסן שטאָט אין אַן אומריינעם אָרט. 41 און דאָס הויז זאָל ער לאָזן אַרומהאַקן פון אינעווייניק רונד אַרום, און די ליים וואָס מע האַקט אויס, זאָל מען אויסשיטן אויסן שטאָט אין אַן אומריינעם אָרט. 42 און מע זאָל נעמען אַנדערע שטיינער, און אַרײַנשטעלן אויף דעם אָרט פון יענע שטיינער, און מע זאָל נעמען אַנדערע ליים, און פאַרקלעפּן דאָס הויז. 43 און אויב דער אויסשלאַג וועט ווידער אויסברעכן אין הויז נאָכדעם ווי מע האָט אַרויסגענומען די שטיינער, און נאָכן אַרומהאַקן דאָס הויז, און נאָכן פאַרקלעפּן, 44 און דער כּהן וועט קומען און זען, ערשט דער אויסשלאַג האָט זיך פאַרשפּרייט אין הויז, איז דאָס אַן עסיקע צרעת אין הויז; אומריין איז דאָס. 45 און מע זאָל צעברעכן דאָס הויז, זײַנע שטיינער, און זײַן האָלץ, און די גאַנצע ליים פון הויז, און אַרויסטראָגן אויסן שטאָט אין אַן אומריינעם אָרט. 46 און דער וואָס קומט אַרײַן אין הויז אַלע טעג וואָס מע האַלט עס אָפּגעשלאָסן, זאָל זײַן אומריין ביזן אָוונט. 47 און דער וואָס ליגט אין דעם הויז, זאָל וואַשן זײַנע קליידער; און דער וואָס עסט אין דעם הויז, זאָל וואַשן זײַנע קליידער. 48 און אויב קומען וועט קומען דער כּהן און וועט זען, ערשט דער אויסשלאַג האָט זיך ניט פאַרשפּרייט אין הויז נאָכן פאַרקלעפּן דאָס הויז, זאָל דער כּהן מאַכן דאָס הויז פאַר ריין, וואָרום דער אויסשלאַג האָט זיך פאַרהיילט. 49 און ער זאָל נעמען אויף צו רייניקן דאָס הויז, צוויי פויגלען, און צעדערהאָלץ, און ווערמילרויט, און אֵזוֹב־גראָז. 50 און ער זאָל שעכטן איין פויגל אין אַ ליימענער כּלי איבער לעבעדיקע וואַסער. 51 און ער זאָל נעמען דאָס צעדערהאָלץ, און דאָס אֵזוֹב־גראָז, און דאָס ווערמילרויט, און דעם לעבעדיקן פויגל, און ער זאָל זיי אײַנטונקען אינעם בלוט פון דעם געשאָכטענעם פויגל, און אינעם לעבעדיקן וואַסער, און שפּריצן אויפן הויז זיבן מאָל. 52 און ער זאָל רייניקן דאָס הויז מיטן בלוט פון דעם פויגל, און מיטן לעבעדיקן וואַסער, און מיטן לעבעדיקן פויגל, און מיטן צעדערהאָלץ, און מיטן אֵזוֹב־גראָז, און מיטן ווערמילרויט. 53 און ער זאָל אַוועקלאָזן דעם לעבעדיקן פויגל אויסן שטאָט אויפן פרייען פעלד; און ער זאָל מכפּר זײַן אויפן הויז, און עס וועט זײַן ריין.

54 דאָס איז דער דין פאַר יעטוועדער פּלאָג פון צרעת, און פאַר שלעכטע קרעץ, 55 און פאַר צרעת פון אַ בגד, און

לו בַּבָּיִת וְאַחַר כֵּן יָבֹא הַכֹּהֵן לִרְאוֹת אֶת־הַבָּיִת׃ וְרָאָה אֶת־
הַנֶּגַע וְהִנֵּה הַנֶּגַע בְּקִירֹת הַבַּיִת שְׁקַעֲרוּרֹת יְרַקְרַקֹּת אוֹ
לח אֲדַמְדַּמֹּת וּמַרְאֵיהֶן שָׁפָל מִן־הַקִּיר׃ וְיָצָא הַכֹּהֵן מִן־הַבַּיִת
לט אֶל־פֶּתַח הַבָּיִת וְהִסְגִּיר אֶת־הַבַּיִת שִׁבְעַת יָמִים׃ וְשָׁב
הַכֹּהֵן בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וְרָאָה וְהִנֵּה פָּשָׂה הַנֶּגַע בְּקִירֹת הַבָּיִת׃
מ וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְחִלְּצוּ אֶת־הָאֲבָנִים אֲשֶׁר בָּהֵן הַנָּגַע וְהִשְׁלִיכוּ
מא אֶתְהֶן אֶל־מִחוּץ לָעִיר אֶל־מָקוֹם טָמֵא׃ וְאֶת־הַבַּיִת יַקְצִעַ
מִבַּיִת סָבִיב וְשָׁפְכוּ אֶת־הֶעָפָר אֲשֶׁר הִקְצוּ אֶל־מִחוּץ
מב לָעִיר אֶל־מָקוֹם טָמֵא׃ וְלָקְחוּ אֲבָנִים אֲחֵרוֹת וְהֵבִיאוּ
מג אֶל־תַּחַת הָאֲבָנִים וְעָפָר אַחֵר יִקַּח וְטָח אֶת־הַבָּיִת׃ וְאִם־
יָשׁוּב הַנֶּגַע וּפָרַח בַּבַּיִת אַחַר חִלֵּץ אֶת־הָאֲבָנִים וְאַחֲרֵי
מד הִקְצוֹת אֶת־הַבַּיִת וְאַחֲרֵי הִטּוֹחַ׃ וּבָא הַכֹּהֵן וְרָאָה וְהִנֵּה
פָּשָׂה הַנֶּגַע בַּבָּיִת צָרַעַת מַמְאֶרֶת הִוא בַּבַּיִת טָמֵא הוּא׃
מה וְנָתַץ אֶת־הַבַּיִת אֶת־אֲבָנָיו וְאֶת־עֵצָיו וְאֵת כָּל־עֲפַר הַבָּיִת
מו וְהוֹצִיא אֶל־מִחוּץ לָעִיר אֶל־מָקוֹם טָמֵא׃ וְהַבָּא אֶל־הַבַּיִת
מז כָּל־יְמֵי הִסְגִּיר אֹתוֹ יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְהַשֹּׁכֵב בַּבַּיִת
מח יְכַבֵּס אֶת־בְּגָדָיו וְהָאֹכֵל בַּבַּיִת יְכַבֵּס אֶת־בְּגָדָיו׃ וְאִם־בֹּא
יָבֹא הַכֹּהֵן וְרָאָה וְהִנֵּה לֹא־פָשָׂה הַנֶּגַע בַּבַּיִת אַחֲרֵי הִטֹּחַ
מט אֶת־הַבָּיִת וְטִהַר הַכֹּהֵן אֶת־הַבַּיִת כִּי נִרְפָּא הַנָּגַע׃ וְלָקַח
לְחַטֵּא אֶת־הַבַּיִת שְׁתֵּי צִפֳּרִים וְעֵץ אֶרֶז וּשְׁנִי תוֹלַעַת וְאֵזֹב׃
נ וְשָׁחַט אֶת־הַצִּפֹּר הָאֶחָת אֶל־כְּלִי־חֶרֶשׂ עַל־מַיִם חַיִּים׃
נא וְלָקַח אֶת־עֵץ־הָאֶרֶז וְאֶת־הָאֵזֹב וְאֵת ׀ שְׁנִי הַתּוֹלַעַת וְאֵת
הַצִּפֹּר הַחַיָּה וְטָבַל אֹתָם בְּדַם הַצִּפֹּר הַשְּׁחוּטָה וּבַמַּיִם
נב הַחַיִּים וְהִזָּה אֶל־הַבַּיִת שֶׁבַע פְּעָמִים׃ וְחִטֵּא אֶת־הַבַּיִת
בְּדַם הַצִּפּוֹר וּבַמַּיִם הַחַיִּים וּבַצִּפֹּר הַחַיָּה וּבְעֵץ הָאֶרֶז
נג וּבָאֵזֹב וּבִשְׁנִי הַתּוֹלָעַת׃ וְשִׁלַּח אֶת־הַצִּפֹּר הַחַיָּה אֶל־
חמ׳ מִחוּץ לָעִיר אֶל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה וְכִפֶּר עַל־הַבַּיִת וְטָהֵר׃ וְזֹאת
נה הַתּוֹרָה לְכָל־נֶגַע הַצָּרַעַת וְלַנָּתֶק׃ וּלְצָרַעַת הַבֶּגֶד וְלַבָּיִת׃

נו וְלַשְׂאֵת וְלַסַּפַּחַת וְלַבֶּהָרֶת׃ לְהוֹרֹת בְּיוֹם הַטָּמֵא וּבְיוֹם
נז הַטָּהֹר זֹאת תּוֹרַת הַצָּרָעַת׃ פ

טו

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ דַּבְּרוּ אֶל־בְּנֵי
ב יִשְׂרָאֵל וַאֲמַרְתֶּם אֲלֵהֶם אִישׁ אִישׁ כִּי יִהְיֶה זָב מִבְּשָׂרוֹ
ג זוֹבוֹ טָמֵא הוּא׃ וְזֹאת תִּהְיֶה טֻמְאָתוֹ בְּזוֹבוֹ רָר בְּשָׂרוֹ
ד אֶת־זוֹבוֹ אוֹ־הֶחְתִּים בְּשָׂרוֹ מִזּוֹבוֹ טֻמְאָתוֹ הִוא׃ כָּל־
הַמִּשְׁכָּב אֲשֶׁר יִשְׁכַּב עָלָיו הַזָּב יִטְמָא וְכָל־הַכְּלִי אֲשֶׁר־
ה יֵשֵׁב עָלָיו יִטְמָא׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִגַּע בְּמִשְׁכָּבוֹ יְכַבֵּס בְּגָדָיו
ו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְהַיֹּשֵׁב עַל־הַכְּלִי אֲשֶׁר־
יֵשֵׁב עָלָיו הַזָּב יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃
ז וְהַנֹּגֵעַ בִּבְשַׂר הַזָּב יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־
ח הָעָרֶב׃ וְכִי־יָרֹק הַזָּב בַּטָּהוֹר וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם
ט וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְכָל־הַמֶּרְכָּב אֲשֶׁר יִרְכַּב עָלָיו הַזָּב
י יִטְמָא׃ וְכָל־הַנֹּגֵעַ בְּכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה תַחְתָּיו יִטְמָא עַד־
הָעָרֶב וְהַנּוֹשֵׂא אוֹתָם יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־
יא הָעָרֶב׃ וְכֹל אֲשֶׁר יִגַּע־בּוֹ הַזָּב וְיָדָיו לֹא־שָׁטַף בַּמָּיִם
יב וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וּכְלִי־חֶרֶשׂ
יג אֲשֶׁר־יִגַּע־בּוֹ הַזָּב יִשָּׁבֵר וְכָל־כְּלִי־עֵץ יִשָּׁטֵף בַּמָּיִם׃ וְכִי־
יִטְהַר הַזָּב מִזּוֹבוֹ וְסָפַר לוֹ שִׁבְעַת יָמִים לְטָהֳרָתוֹ וְכִבֶּס
יד בְּגָדָיו וְרָחַץ בְּשָׂרוֹ בְּמַיִם חַיִּים וְטָהֵר׃ וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי
יִקַּח־לוֹ שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה וּבָא ׀ לִפְנֵי יְהוָה אֶל־
טו פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וּנְתָנָם אֶל־הַכֹּהֵן׃ וְעָשָׂה אֹתָם הַכֹּהֵן
אֶחָד חַטָּאת וְהָאֶחָד עֹלָה וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן לִפְנֵי יְהוָה
ששי (שב׳) מִזּוֹבוֹ׃ ס וְאִישׁ כִּי־תֵצֵא מִמֶּנּוּ שִׁכְבַת־זֶרַע וְרָחַץ
יז בַּמַּיִם אֶת־כָּל־בְּשָׂרוֹ וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְכָל־בֶּגֶד וְכָל־
עוֹר אֲשֶׁר־יִהְיֶה עָלָיו שִׁכְבַת־זָרַע וְכֻבַּס בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־

יד, נו׳ שי רפה   טו, ז׳ חצי הספר בפסוקים

פאַר אַ הויז, 56 און פאַר אַ געשווילעכץ, און פאַר אַ גרינד, און פאַר אַ פלעק; 57 כּדי צו לערנען ווען עס איז אומריין, און ווען עס איז ריין. דאָס איז דער דין פון צרעת.

טו

1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: 2 רעדט צו די קינדער פון ישראל, און איר זאָלט זאָגן צו זיי:

יעטװעדער מאַן, אַז ער װעט זיין פלוסיק פון זיין לייב, איז זיין פליסונג אומריין. 3 און דאָס זאָל זיין זיין אומריינקייט אין זיין פליסונג: סיי זיין לייב רינט מיט זיין פליסונג, סיי זיין לייב איז פאַרשטאָפּט פון זיין פליסונג, איז דאָס זיין אומריינקייט. 4 איטלעך געלעגער װאָס דער פלוסיקער װעט דערויף ליגן, זאָל זיין אומריין, און איטלעכע זאַך װאָס ער װעט דערויף זיצן, זאָל זיין אומריין. 5 און אַ מאַן װאָס װעט זיך אָנרירן אָן זיין געלעגער, זאָל װאַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין װאַסער, און זיין אומריין ביזן אָװנט. 6 און דער װאָס זיצט אויף אַ זאַך װאָס דער פלוסיקער איז דערויף געזעסן, זאָל װאַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין װאַסער, און זיין אומריין ביזן אָװנט. 7 און דער װאָס רירט זיך אָן אָן דעם לייב פון פלוסיקן, זאָל װאַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין װאַסער, און זיין אומריין ביזן אָװנט. 8 און אַז דער פלוסיקער װעט אַרױפשפּײען אויף אַ ריינעם, זאָל יענער װאַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין װאַסער, און זיין אומריין ביזן אָװנט. 9 און יעטװעדער רייטזאַך װאָס דער פלוסיקער װעט רייטן דערויף, זאָל זיין אומריין. 10 און איטלעכער װאָס רירט זיך אָן אָן װאָס נאָר עס איז געװען אונטער אים, זאָל זיין אומריין ביזן אָװנט; און דער װאָס טראָגט עס, זאָל װאַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין װאַסער, און זיין אומריין ביזן אָװנט. 11 און איטלעכער װאָס דער פלוסיקער װעט זיך אָן אים אָנרירן, אַזוי ער האָט ניט אָפּגעשװענקט זיינע הענט אין װאַסער, זאָל װאַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין װאַסער, און זיין אומריין ביזן אָװנט. 12 און אַ ליימענע כּלי װאָס דער פלוסיקער װעט זיך אָן איר אָנרירן, זאָל צעבראָכן װערן; און יעטװעדער הילצערנע כּלי זאָל אָפּגעשװענקט װערן אין װאַסער.

13 און אַז דער פלוסיקער װעט ריין װערן פון זיין פליסונג, זאָל ער זיך צײלן זיבן טעג פון זיין ריין װערן, און װאַשן זיינע קליידער, און באָדן זיין לייב אין לעבעדיקע װאַסער, און זיין ריין. 14 און אויפן אַכטן טאָג זאָל ער זיך נעמען צװיי טורטלטויבן, אָדער צװיי יונגע טויבן, און ער זאָל קומען פאַר גאָט צום אייַנגאַנג פון אוהל־מועד, און זיי געבן צום כּהן. 15 און דער כּהן זאָל זיי מאַכן איינע אַ זינדאָפּפער, און איינע אַ בראַנדאָפּפער, און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים פאַר גאָט פון װעגן זיין פליסונג.

16 און אַ מאַן, אַז פון אים װעט אַרויסגיין אַ פלוס פון זאָמען, זאָל ער באָדן אין װאַסער זיין גאַנצן לייב, און זיין אומריין ביזן אָװנט. 17 און יעטװעדער בגד, און יעטװעדער פעל, װאָס דערויף װעט זיין פלוס פון זאָמען, זאָל געװאַשן װערן

יח הָעָרֶב׃ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אִישׁ אֹתָהּ שִׁכְבַת־זָרַע וְרָחֲצוּ
בַמַּיִם וְטָמְאוּ עַד־הָעָרֶב׃ פ
יט וְאִשָּׁה כִּי־תִהְיֶה זָבָה דָּם יִהְיֶה זֹבָהּ בִּבְשָׂרָהּ שִׁבְעַת יָמִים
כ תִּהְיֶה בְנִדָּתָהּ וְכָל־הַנֹּגֵעַ בָּהּ יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְכֹל אֲשֶׁר
תִּשְׁכַּב עָלָיו בְּנִדָּתָהּ יִטְמָא וְכֹל אֲשֶׁר־תֵּשֵׁב עָלָיו יִטְמָא׃
כא וְכָל־הַנֹּגֵעַ בְּמִשְׁכָּבָהּ יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־
כב הָעָרֶב׃ וְכָל־הַנֹּגֵעַ בְּכָל־כְּלִי אֲשֶׁר־תֵּשֵׁב עָלָיו יְכַבֵּס בְּגָדָיו
כג וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְאִם עַל־הַמִּשְׁכָּב הוּא אוֹ
עַל־הַכְּלִי אֲשֶׁר־הִוא יֹשֶׁבֶת־עָלָיו בְּנָגְעוֹ־בוֹ יִטְמָא עַד־
כד הָעָרֶב׃ וְאִם שָׁכֹב יִשְׁכַּב אִישׁ אֹתָהּ וּתְהִי נִדָּתָהּ עָלָיו
וְטָמֵא שִׁבְעַת יָמִים וְכָל־הַמִּשְׁכָּב אֲשֶׁר־יִשְׁכַּב עָלָיו יִטְמָא׃
כה ס וְאִשָּׁה כִּי־יָזוּב זוֹב דָּמָהּ יָמִים רַבִּים בְּלֹא עֶת־נִדָּתָהּ
אוֹ כִי־תָזוּב עַל־נִדָּתָהּ כָּל־יְמֵי זוֹב טֻמְאָתָהּ כִּימֵי נִדָּתָהּ
כו תִּהְיֶה טְמֵאָה הִוא׃ כָּל־הַמִּשְׁכָּב אֲשֶׁר־תִּשְׁכַּב עָלָיו כָּל־
יְמֵי זוֹבָהּ כְּמִשְׁכַּב נִדָּתָהּ יִהְיֶה־לָּהּ וְכָל־הַכְּלִי אֲשֶׁר תֵּשֵׁב
כז עָלָיו טָמֵא יִהְיֶה כְּטֻמְאַת נִדָּתָהּ׃ וְכָל־הַנּוֹגֵעַ בָּם יִטְמָא
כח וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְאִם־טָהֲרָה
שב׳ מִזּוֹבָהּ וְסָפְרָה לָּהּ שִׁבְעַת יָמִים וְאַחַר תִּטְהָר׃ וּבַיּוֹם
הַשְּׁמִינִי תִּקַּח־לָהּ שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה וְהֵבִיאָה
ל אוֹתָם אֶל־הַכֹּהֵן אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְעָשָׂה הַכֹּהֵן
אֶת־הָאֶחָד חַטָּאת וְאֶת־הָאֶחָד עֹלָה וְכִפֶּר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן
מפ׳ לִפְנֵי יְהוָה מִזּוֹב טֻמְאָתָהּ׃ וְהִזַּרְתֶּם אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
מִטֻּמְאָתָם וְלֹא יָמֻתוּ בְּטֻמְאָתָם בְּטַמְּאָם אֶת־מִשְׁכָּנִי אֲשֶׁר
לב בְּתוֹכָם׃ זֹאת תּוֹרַת הַזָּב וַאֲשֶׁר תֵּצֵא מִמֶּנּוּ שִׁכְבַת־זֶרַע
לג לְטָמְאָה־בָהּ׃ וְהַדָּוָה בְּנִדָּתָהּ וְהַזָּב אֶת־זוֹבוֹ לַזָּכָר וְלַנְּקֵבָה
וּלְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב עִם־טְמֵאָה׃ פ

כט׳ מלא

אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 18 און אַ פרוי, אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט איר אַ ביישלאָף פון זאָמען, זאָלן זיי זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט.

19 און אַ פרוי, אַז זי וועט זיין פלוסיק—בלוט וועט זיין איר פליסונג פון איר לייב—זאָל זי זיבן טעג זיין אין איר אָפזונדערונג, און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן איר אָן, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 20 און אַלץ וואָס זי וועט ליגן דערויף אין איר אָפזונדערונג, זאָל זיין אומריין; און אַלץ וואָס זי וועט זיצן דערויף, זאָל זיין אומריין. 21 און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן איר געלעגער, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 22 און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן עפּעס אַ זאַך וואָס זי זיצט דערויף, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 23 אַפילו אויב ער איז אויף דעם געלעגער אָדער אויף דער זאַך וואָס זי זיצט דערויף, ווען ער רירט זיך אָן דעם אָן, זאָל ער [נאָר] זיין אומריין ביזן אָוונט. 24 און אויב ליגן וועט ליגן מיט איר אַ מאַן, און איר אומרייניקייט וועט זיין אויף אים, זאָל ער זיין אומריין זיבן טעג, און איטלעך געלעגער וואָס ער וועט ליגן דערויף, זאָל זיין אומריין.

25 און אַ פרוי, אַז איר בלוטפליסונג וועט פליסן פיל טעג, ניט אין דער צייט פון איר אָפזונדערונג, אָדער זי וועט זיין פלוסיק איבער דער צייט פון איר אָפזונדערונג, זאָל זי אַלע טעג פון איר אומריינער פליסונג זיין אַזוי ווי אין די טעג פון איר אָפזונדערונג; זי איז אומריין. 26 איטלעך געלעגער וואָס זי וועט ליגן דערויף אַלע טעג פון איר פליסונג, זאָל איר זיין אַזוי ווי דאָס געלעגער פון איר אָפזונדערונג; און איטלעכע זאַך וואָס זי וועט זיצן דערויף, זאָל זיין אומריין אַזוי ווי די אומרייניקייט פון איר אָפזונדערונג. 27 און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן זיי אָן, זאָל ווערן אומריין; און ער זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 28 און אַז זי ווערט ריין פון איר פליסונג, זאָל זי זיך ציילן זיבן טעג, און דערנאָך זאָל זי זיין ריין. 29 און אויפן אַכטן טאָג זאָל זי זיך נעמען צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, און זיי ברענגען צום כהן, צום איינגאַנג פון אוהל־מועד. 30 און דער כהן זאָל מאַכן איינע אַ זינדאָפּפער, און איינע אַ בראַנד־אָפּפער, און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף איר פאַר גאָט פון וועגן איר אומריינער פליסונג.

31 און איר זאָלט אָפּשיידן די קינדער פון ישראל פון זייער אומרייניקייט, כדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן דורך זייער אומרייניקייט, אַז זיי וועלן פאַראומרייניקן מיין משכן וואָס צווישן זיי.

32 דאָס איז דער דין פון דעם פלוסיקן, און פון דעם וואָס פון אים גייט אַרויס אַ פלוס פון זאָמען, צו ווערן אומריין דורך דעם; 33 און פון דער קראַנקער אין איר אָפזונדערונג, און פון דעם וואָס איז פלוסיק מיט אַ פליסונג, סיי אַ מאַנספּאַרשוין, און סיי אַ פרוי; און פון אַ מאַן וואָס וועט ליגן מיט אַן אומריינער.